"העסק צענטער" דעי-העב פּראָגראַם:

**דער ציל איז הויך, אָבער די דערגרייכונגען זענען נישט אונטערשטעליג**

"גאָרטן, אויפּרייניגן שולן און אַ פּאַרק, מעילינג סערוויסעס, פּיטערן נוירסינג האָום איינוואוינער," די פיל-פאַרביגע פּאַכן און ביזנעסער איז בלויז אַ טייל פון וואָס איך האָב געהערט פונעם דירעקטאָר פון די דעי-העב פּראָגראַם, אַלס אַנטוואָרט צו מיין פראַגע פון וואָס זייער פּראָגראַם באַשטייט, און מיט וואָס זיי באַשעפטיגן די דעי-העב מיטגלידער.

געקומען בין איך ווי אַ גרינער, און איך האָב נישט גע'חלומ'ט וואָס פאַר אַ וועלט די פיר ווערטער "העסק צענטער דעי-העב" שליסט איין. און ווען איך האָב געהערט אַזאַ ליסטע, האָב איך מיך נישט געקענט אָריענטירן צו פאַרצייכענען אַלעס וואָס איך האָב אויפגעכאַפּט, ווייל די קאָפּ האָט זיך מיר אָנגעהויבן צו דרייען און איך האָב געמיינט אַז איך בין אַריינגעפאַלן אין דעם נישט ריכטיגן אַדרעס.

די רעדאַקציע האָט מיך געשיקט אַביסל אויסשמעקן וואָס עס איז די העסק צענטער דעי-העב פּראָגראַם, נאָך וואָס מ'האָט באַקומען גרוסן פון ליינער אַז דאָס וואָלט געווען גאָר אַן אינטרעסאַנטע טעמע פאַר די ליינער, צו כאַפּן אַ בליק אין די אינדוסטריע פון טיפול מיוחד, ווי אַזוי מ'אַרבעט אַרויף דיסעיבעלד מענטשן צו ווערן אַ טייל פונעם ציבור, צו קענען האַנדלען מיט מענטשן, פאַרברענגן מיט אַנדערע, און זיך שפּירן איינגעשלאָסן אין אַ געזעלשאַפט, נישט ווי אַרויסגעפאַלענע מענטשן.

אָבער דאָ, צו מיין בראָך, קוקט מיר אויס אַז נאָכן ווידמען כוחות און צייט ענליך זיך אַראָפּצוזעצן מיט דעם דעם פאַרנומענעם פערזאָן, וואָס שטייט אין שפּיץ פון די פּראָגראַם, בין איך גאָר אָנגעקומען צו אַ צווייטן. איך האָבן געוואוסט אַז איך דאַרף אָנקומען צו אַ דעי-העב צענטער, און דאָ רעד איך גאָר מיט אַ פּאַר-פּראָפיט ביזנעס-מאַן, וועלכער האָט עפּעס אַ מין ביזנעס אימפעריע וואָס שליסט איין אַ רייע מאָדנע צוזאַמענשטעלן, מעילינג מיט לאָנטש פּעקלעך. מען פלאַנצט

גרינצייג און מען פיטערט נוירסינג האָום איינוואוינער. און אויך מיר אַ ביזנעס באַגריף – אויפהאַלטן רייניגונג אַגענטור צו העלפן זויבער מאַכן שולן און זיי האַלטן מסודר'דיג?

"דער שיינט טאַקע צו זיין אַן טשיקאַווער ביזנעסמאַן, מיט ענדלאָזע אַמביציעס, און אינטרעסאַנטע בייפאַלן, אָבער נישט צו אים האָט מען מיך געשיקט. איך וואָלט פאַרשריבן זיין טעלעפאָן נומער פאַר אַ צוקונפטיגע געלעגנהייט, אָבער איצט דאַרף איך דאָרף צוזאַמענשטעלן אַ באַשרייבונג וועגן העסק," זענען געלאָפן מיינע מחשבות.

"קום, איך וועל דיך אַריינפירן צו אונזער מעילינג צימער, וועסטו שוין אַלעס זען," רייסט ער איבער מיינע געדאַנקן. באמת האָב איך אים שוין געהאַלטן ביים אויפדעקן דעם טעות וואָס איך האָב געהאַט, אָבער אַז ער וויל מיך פירן, וועל איך שוין גיין. מהיכי תתי, איך בין דאָך אין די אינדוסטריע פון זשורנאַליזם, וואו וואָס מער ידיעות און אַריינשטעקן די נאָז אין אַ צווייטן'ס ביזנעס, קען בלויז ברענגן ריוח.

די טיר עפנט זיך, און עס זיצן דאָרט מענטשן, מען גרייט אָן שנאָר בריוולעך פאַר פאַרשידענע מוסדות און אָרגאַניזאַציעס. איך זע ווי מענטשן מיט פאַרשידענע דיסעביליטיס זיצן ביי די טישלעך, מיט בערג מיט בלעטלעך וועלכע ווערן דורכגעפירט אַ קנייטש מאַשין, מיט אַ צופרידענעם שמייכל אויפן פנים, ווען עס הויפענען זיך אָן אַלץ מער פּאַפּירן גרייט אַריינגעשטעלט צו ווערן אין עוועוועלאָפּס. אַנדערע לייגן אַריין די צעטלעך אין די קאָנווערטן. אַ פּאַך פאַר זיך איז דאָס קלעבן, סטעמפּן און אַזוי ווייטער.

איצט הייבט שוין דאָס בילד אָן זיך אויסצוקלאָרן. מען רעדט בכלל נישט פון קיין מעילינג ביזנעס, אָדער אַ נוירסינג האָום סערוויס צו לייזן פאַרדינסטן. דאָ איז דאָ איין ציל: אויפצואַרבעטן די באַטייליגטע - אויפצובויען זייערע כוחות דורכצופירן אויפגאַבעס. זיי אויסלערנען צו אַרבעטן און קאָמיוניקירן מיט אַנדערע. אַריינגעבן אין זיי זעלבסט-ווירדע און זעלבסט-זיכערקייט וואָס קומט מיטן אויפטאָן און דורכפירן אַרבעטס.

אָט פאַר דעם ציל זענען דאָ פאַרשידענע מיטלען, און העסק זוכט אַרויס די בעסטע מיטלען. צו דערגרייכן דעם תכלית, אַראַנזשירן זיי פאַרשידענע אַקטיוויטעטן – טייל זענען ממש ערפינדונגען אויף דעם געביט, וואָס איז צושטאַנד געקומען נאָך וואָס די העסק מיטגלידער האָבן אַריינגעלייגט קאָפּ און מח, און האַרץ, אויפצוקומען מיט די אַקטיוויטעטן – כדי צו באַשעפטיגן די אָנגעשלאָסענע אין די דעי-העב פּראָגראַם, און כדי זיי אויסצושלייפן און אַרויסנעמען פון זיי די מאַקסימום וואָס נאָר מעגליך.

*

"מרס. פ., עס איז קיין פּראָבלעם. פאַר דעם עקזיסטירן מיר. קומט אַריבער, מיר וועלן דורכשמועסן אייער קינד'ס פאַל, כשרונות, און קענטעניסן, און מיר וועלן אי"ה צופאַסן אַ פּראָגראַם וואו ער זאָל זיין באַשעפטיגט, שפּירן אַ הנאה אַז ער טוט אויף און דערגרייכט זאַכן. ער וועט אי"ה שטייגן און ווערן זעלבסט-שטענדיג צו די מאַקסימום לויט זיינע כוחות. ביי-די-וועי, מיר עפענען אַ דעי-העב צענטער אין וויליאַמסבורג, ממילא וועט אייער קינד נישט דאַרפן פאָרן יעדן טאָג צו אונזער צענטער אין פלעטבוש, נאָר וועט קענען געניסן פון די זעלבע געוואַדליגע פּראָגראַמען און בעסטע סערוויסעס אין דעם געביט, אין אַ לאָקאַלן אָרט," האָט די העסק איינגעשטעלטע צובלאָזן אַלע דאגות און זאָרגן פון די געטרייע מאַמע וועלכע האָט געזוכט אַן אָרט פאַר איר יאַנקעלע.

ביי די משפחה פון יאַנקעלע האָט לעצטנס זיך אָנגעהויבן צו שפּירן אַ זאָרג. אין עטליכע חדשים אַרום ענדיגט זיך די שולע פּראָגראַם פאַר יאַנקעלע. ער ווערט שוין אַן ערוואַקסענער מענטש, און דאָ הייבט מען זיך אָן צו דערמאַנען אַ געשיכטע פון דרייצן יאָר צוריק, ווען יאַנקעלע איז געזעסן אינדערהיים, ווייל עס איז נישט געווען וואו אים צו שיקן. איצט, אַז ער גייט שוין אַרויס פון סקול – וואָס מ'האָט ענדליך געטראָפן פאַר אים - וואָס וועט ער איצט טאָן? וואו וועט ער גיין? זיצן אינדערהיים איז דאָך נישט קיין תכלית.

די מאַמע האָט באַשלאָסן אָנצוקלינגען אין אָפיס פון העסק צענטער אין פלעטבוש, וויסנדיג אַז זיי אַראַנזשירן אַסאַך פראָגראַמען פאַר די קינדער, צו הערן וואָס אַנדערע טוען און וואָס זי קען טאָן פאַר איר קינד. זי האָט געצווייפעלט צי זיי האָבן אַן עצה פאַר איר, און אפילו יאָ, איז דען פּראַקטיש צו שיקן יעדן טאָג איר קינד אויף פלעטבוש. נאָך דעם טעלעפאָן רוף, און דעם העפליכן ענטפער, האָט זי איינגעזען אַז איר דאגה איז אומזיסט.

דעי-העב איז דוקא געמאַכט פאַר ערוואַקסענע, אויסצונוצן די טעג מיט באַ'טעמ'טע אַקטיוויטעטן, און גלייכצייטיג אויפצואַרבעטן זייערע פערזענליכע אייגנשאַפטן. העסק – וועלכער איז שוין צענדליגער יאָרן אַקטיוו אין דעם געביט - האָט אַ קאָלירפולע דעי-העב פּראָגראַם פון צענדליגער אַקטיוויטעטן און סדר היום'ס. יעדער מיטגליד'ס ווערט אַריינגעשטעלט אין אַ פּראָגראַם און צו אַן אַקטיוויטעט וואָס איז געאייגנט פאַר יענעם'ס אינדיווידועלער מצב און כוחות הנפש.

די דעי-העב פּראָגראַמען זענען פאַרשידנאַרטיג. אָנגעהויבן פון וואוילטעטיגע אַקטיוויטעטן אין וואָס די העסק מיטגלידער וואַלאָנטירן אַרויסצוהעלפן אַנדערע אָרגאַניזאַציעס מיט פאַרשידענע אַרבעטס. אין די צייט וואָס די אַרבעט ווערט ב"ה געטאָן אויפן בעסטן פאַרנעם, נוצן די מיטגלידער אויס דעם טאָג מיט תכלית'דיגע אויפגאַבעס, ווערן זעלבסט-שטענדיג און פּראָדוקטיוו, און זיי פילן אַ פאַרגעניגען פון זייערע דערגרייכונגען.

די מעילינג אַפּאַראַט איז בלויז איין ביישפיל פון העסק'ס באַשעפטיגונג און ספעציעל צוגעשטעלטע אַקטיוויטעטן פאַר די דעי-העב פּראָגראַם. די מיטגלידער האָבן אַן אויסוואַל פון נאָך אַ רייע אַקטיוויטעטן, צו וואָס מען שטעלט זיי צו נאָכן אָפּשאַצן זייער צושטאַנד און אויפדעקן זייערע קוואַליפיקאַציעס, און נאָכן זיך דורכשמועסן מיט די עלטערן וועגן וואָס עס וואָלט געווען אינטערעסאַנט פאַר זיי און וואָס זיי וואָלט געגליכן.

דאָס לעצטע וואָרט באַקומען אַלץ די מיטגלידער אַליין, ווייל אין העסק לייגט מען אַ שטאַרקן געוויכט אַז זיי אַליין זאָלן באַשליסן וואָס זיי ווילן טאָן, מיט וועלכע באַשעפטיגונג זיי ווילן זיך באַפאַסן. וואָרים דאָס אַליין פאַסן באַשלוסן איז אַ זאַך וואָס בעפאָר זיי שליסן זיך נאָך אָן אין די

דעי-העב פּראָגראַם גופא, הייבט עס שוין זייער זעל, דורך דעם וואָס זיי זעען אַז זיי זענען אַליין מחליט וואָס זיי ווילן און וואָס זייער צוקונפט זאָל זיין. דאָס פאַר זיך איז אויך אַ געוואַלדיגער טריט אין זיך לערנען צו ווערן זעלבסט-שטענדיג, און אַליין אָפּמאַכן וואָס מען וויל און וואָס עס איז די בעסטע פאַר די אייגענע אינטערעסן און געברויכן.

די פּראָגראַמען זענען זייער פאַרשידן-אַרטיג. די העסק מיטגלידער האָבן באַוויזן צו אידענטיפיצירן אַ געמיש פון פאַכן און אויפגאַבעס אין וואָס די מיטגלידער ווערן באַשעפטיגט. יעדע פּראָגראַם פאַר זיך האָט געקאָסט כוחות, צייט און געלט, ביז מען האָט עס אַוועקגעשטעלט על צד היותר טוב. אָבער די אינוועסטמענט צאָלט זיך ב"ה אויס פי כמה. פאָלגענד איז אַ ביישפּיל פון די אַקטיוויטעטן אין וואָס די מיטגלידער זענען באַשעפטיגט.

אַ גרופּע פון די דעי-העב גייט יעדן טאָג אַרויס צו נוירסינג האָומס פיטערן די איינוואוינער. דאָס איז אַ בחינה פון זה וזה נהנה. די נוירסינג האָום איינוואוינער פרייען זיך אַז זיי האָבן מיט וועמען צו פאַרברענגן און שמועסן, און זען אַ פרישן פנים, בעת די העסק מיטגלידער שלינגען מיט פאַרגעניגען די מעשיות וואָס די פּאַציענטן דערציילן מיט זיי און שמועסן מיט זיי באַ'טעמ'ט. פון די באַזוכן אַנטוויקלען אָפּט די העסק מיטגלידער פּערזענליכע פריינטשאַפטן מיט די נוירסינג האָום איינוואוינער, און זיי קוקן שוין אַרויס ווען זיי וועלן נאָכאַמאָל גיין אין די האָום שמועסן מיט זייערע פריינט.

יעדן שבת גייען אַ טייל מיטגלידער אַרויס צו אַ נוירסינג האָום, וואו מען שטעלט צו אַ שיינעם עונג שבת מיט די דאָרטיגע רעזידענטן. די מיטגלידער זינגען דאָרט מיט די איינוואוינער שיינע שבת'דיגע ניגונים, די האָום רעזידענטן לערנען זיי אויס ניגונים, און מען פאַרברענגט אינאיינעם אַנגענעם, און די העסק מיטגלידער געבן זיך דערביי אויס, און שלייפן אויס זייער פאַרבאָרגענע כוחות.

אונטער אַ צווייטע פּראָגראַם ווערט יעדן טאָג צוזאַמענגעשטעלט לאָנטש פּעקלעך וואָס ווערט אויסגעטיילט אין אַ רייע פלעצער. דאָס אחריות, ווי אַזוי צוזאַמענצופּאַקן די פּעקלעך, וויפיל פון

יעדע זאַך אַריינצולייגן אין יעדע באַקס, און וואו, איז אַליין אַ טעראַפּי וואָס אַרבעט אויף די מענטשן צו קענען אַליין אָנפירן מיט זייערע טאָג-טעגליכן לעבן און דורכפירן זייערע געוועגליכע אויפגאַבעס.

אַ הערליכע גאָרטן ווערט אויפגעהאַלטן דורך דעם העסק צענטער, וואָס די מיטגלידער באַאַרבעטן אַליין, אַקערן עס אויף, זייען אָן שיינעביימער, האַלטן מיט ווי דער גאָרטן בליעט, באַוואַסערן עס, און ווען די הערליכע פירות וואַקסן אַרויס שניידן זיי עס אָפּ און טראָגן אַהיים די געשמאַקע גרינצייג, פרי עמלם. עס איז נישט אַראָפּצומאָלן די פרייד וואָס די מיטגלידער האָבן ווען זיי זעען, זיי ברענגן אַהיים און שטאָלצירן מיט די הערליכע גרינצייג וואָס זיי האָבן עררייכט. זיי שפירן וואו זיי טוען אויף און זענען מצליח און די אַרבעט, און דאָס גיסט אַריין אין זיי אַ נייע גייסט און מוט.

עטליכע מיטגלידער גייען רעגלמעסיג אַרויס צו אַ שול וואו זיי העלפן אויפרוימען די שול. זיי פּאַקן אַוועק די ספרים און האַלטן דעם בית המדרש מסודר. זיי לייגן שיין צוזאַם די טליתים און פּאַקן עס אַוועק אויף זייער פּלאַץ.

איין מאָל אַ חודש פאָרט אַ חבורה אַראָפּ צו אַ שול, וואו זיי צינדען אָן יאָר-צייט לעכט פאַר די נפטרים פון די שול וואָס זייער יאָר-צייט פאַלט אויס אין יענעם חודש. דער רב רעדט פאַר זיי און זאָגט זיי אַן אינטרעסאַנטע דבר תורה, און זיי פאַרברענגן דאָרט אין אַן אַנגענעמע אַטמאָספערע פון וואָס זיי האָבן שטאַרק הנאה.

אין פּראָספּעקט פּאַרק איז דאָ אַ שטח וואָס די אויפגאַבע פון עס האַלטן ריין ליגט אויף העסק. עס פאָרן אַהין אַרויס גרופּעס פון די דעי-העב פּראָגראַם וועלכע רייניגן עס אויף און מאַכן זיכער אַז עס איז זויבער און ציכטיג, בעת זיי געניסן פון די שיינע האָריזאַנט אינעם פּאַרק.

אַ קליידער גמ"ח וואָס שיקט אָפּ שיך און מלבושים צו משפחות אין ארץ ישראל, איז אויך אַ פּלאַץ וואָס באַשעפטיגט העסק מיטגלידער, וועלכע רייבן זיך דערביי אויס אין די טאָג טעגליכע

אַקטיוויטעטן, וואו צוזאַמענפּאָרן מלבושים און שיין צוזאַמענלייגן קליידונגען, אַז עס זאָל זיין גרייט אָפּגעליפערט צו ווערן קיין ארץ ישראל. עס איז ממש אומגלויבליך וואָס פּאַר אַ שיינע אַרבעט די מיטגלידער מאַכן – נאָך אַ קורצע צייט וואָס מען לערנט זיי אַריין דערין - ביים צוזאַמענפּאָרן שיך, און שיין צוזאַמענלייגן די קליידער.

אויסער די וואַלאָנטיר אַרבעט, ווערט אויך צוגעשטעלט טעגליכע אויספלוגן און פאַרברענגן פאַר אַ טייל פון די מיטגלידער, פון וואָס זיי האָבן שטאַרק הנאה, בעת זיי לערנען זיך אויס צו פאַרברענגן מיט אַנדערע און זיין אַ טייל פון די אַלגעמיינע געזעלשאַפט.

די אויספלוגן שליסט איין דאָס פאָרן צו מוזעאומס, וואו מען גייט אינאיינעם מיט אַ פּראָפעסיענאַלן טור-גייד, וועלכער צולייגט פאַר די מיטגלידער די אינטרעסאַנטע זאַכן וואָס זיי זעען און די געשיכטעס וואָס עס שפּיגלט אָפּ. די פּראָגראַם איז זייער באַלערנד, און עס העלפט אויפאַרבעטן זייער וויסנשאַפט, און באַקומען אַן אינטערעסע און געשעענישן, וואָס גיט אין זיי אַריין אַ ווילן צו שמועסן און וויסן געשיכטעס.

אַנדערע ווערן גענומען צו אינטרעסאַנטע שפּיל פלעצער, וואו זיי לעבן אויף פון די לעבעדיגע שפּילן, און וואָס זיי נעמען העפטיג אַנטייל. אויך זענען דאָ וואָס מאַכן פאַרשידענע אינטרעסאַנטע אַרטס-ענד-קרעפטס. ווען זיי ענדיגן צוזאַמענשטעלן אַ שיינע פּראָדוקט פרייען זיי זיך מיט די שיינע דערגרייכונג, און זיי ווערן דערפון אויסגעשולט צו טאָן אַליין געוויסע האַנט אַרבעטס וואָס וועט זיי זיין בייהילפיג אין טאָג טעגליכן לעבן.

אויסער וואָס די פּראָגראַמען ווערן צוגעשניטן ספּעציפיש צו די מיטגלידער, זייערע אייגנשאַפטן און געברויכן, ווערט יעדן'ס סדר היום אויסגעשטעלט לויט יענעם'ס פּערזענליכע לעבנס שטייגער, און די התנהגות'ן פון שטוב.

עס ווערן צוגעשטעלט שיעורים פאַר ערוואַקסענע מענער – ווען מען ענדיגט דעם סדר וואָס מען לערנט, ווערט אָפּגעראָכטן אַ ברייטע, פייערליכע סיום, וואָס ווערט טאַקע צוגעגרייט דורך איינעם

פון די מיטגלידער. אויך דאַווענט מען די טעגליכע תפלות אינאיינעם, מען לייגט תפלין. פּראָגראַמען ווערן צוגעשטעלט פאַר מענער און פרויען אָפּגעזונדערט.

דאָס גיין צו די וואַלאָונטיר אַרבעטס פלעצער, איז אויך אַ טייל פון די פּראָגראַם אַרויפצואַרבעטן די מיטגלידער. מען פּאָרט אָפּט מיט פּובליק טראַנספּאָרטאַציע, מיטן ציל זיי צו צוגעוואוינען צו נוצן די עפנטליכע טראַנספּאָרטאַציע מיטלען, וואָס וועט זיי שטאַרק בייהילפיג זיין צו ווערן זעלבסט-שטענדיג און זיך שפּירן ווי מענטשן צווישן מענטשן.

ווי אויך נעמט מען אַרויס די מיטגלידער צו עפנטליכע ערטער, ווי גיין שאַפּינג אין געשעפטן, גיין אין בענק מיטהאַלטן און אַליין געניסן פון בענקינג סערוויסעס. זיי גייען אויך צו לאָנדריס זיך צו לערנען וואַשן וועש. יעדער טריט איז אויספּלאַנירט מיט מחשבה, פּראָפעסיענאַלקייט, און איבער אַלעמען, מיט העסק'ס וואַרימסטע אידישע געפילן.

די פאַרשידענע ערליי פּראָגראַמען וואָס העסק'ס דעי-העב סערוויס שליסט איין איז ווייט פון די גאַנצע געשיכטע. די העסק איינגעשטעלטע און פירער זענען נישט צופרידן פון דעם ברייטן אויסוואַל וואָס זיי האָבן. ווען עס פעלט אויס, פאַר אַ פּערזענליכע פאַל וואָס זיי האַלטן אַז יענער וואָלט ערגעץ אַנדערש בעסער מצליח געווען, וועט מען זיך אַריינוואַרפן אויפצוקומען מיט אַ ספּעציעל אַרבעט וואָס זאָל זיין ספּעציעל צוגעפּאַסט פאַר יענעם'ס מצב.

אין העסק ווייסט מען אַז יעדער מענטש פאַרדינט אַ פּריוואַטע אָפּשאַצונג און פּריוואַטע סערוויסעס, און אויב די עקזיסטירנדע סערוויסעס זענען נישט אַמבעסטן פאַר דעם מענטש, וועט מען נישט רוען ביז מען וועט טרעפן אַ ספּעציפישע פאַך אין וואָס ער זאָל אַריינפּאַסן און אויסנוצן די טעג.

"מי כעמך ישראל," האָבן געשטורעמט מיינע געפילן ווען איך האָבן פאַרלאָזט דעם צענטער. איך האָב נאָרוואָס באַזוכט אַ מקצת מן המקצת פון דעם צענטער, וואָס איז אייגענטליך אַ וועלט, אַן עולם מלא, פון חסד און זיך אַריינלייגן אין צווייטן'ס איד נפש און מצב. דער דירעקטאָר האָט מיר

געזאָגט אַז ער שטעלט דעם ציל – צו וואָס יעדער קליענט דאַרף דערגרייכן זייער הויך – אָבער איך קען אייך זאָגן אַז לויט מיין אָפּשאַצונגען שטייגן די דערגרייכונגען איבער דעם ציל.